# WIC אנטיילנעמער רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן

איך האב באקומען אינפארמאציע איבער מיינע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אלס אן אנטיילנעמער פון WIC. איך פארשטיי אז איך האב די רעכט צו:

- *באקומען יושר׳דיגע און רעספעקטפולע באהאנדלונג פון WIC איינגעשטעלטע און גראסערי ארבעטער.*
- *האבן אז די אינפארמאציע וואס איך האב געגעבן פאר WIC איינגעשטעלטע זאל בלייבן פריוואט. עס וועט נישט ווערן מיטגעטיילט מיט קיינעם אינדרויסן פון די WIC פראגראם אן מיין ערלויבעניש.*
- *באקומען נערונג עדיוקעישאן און אינפארמאציע איבער העלט קעיר און אנדערע הילפבארע סערוויסעס.*
- *נוצן סיי וועלכע גראסערי אדער אפטייק אין ניו יארק סטעיט וואס איז ערלויבט אנצונעמען WIC.*
- *באקומען אן עסנווארג פעקל וואס ערפילט מיינע נערונג געברויכן, אדער די געברויכן פון מיין קינד.*
- *בעטן צו ווערן אריבערגעפירט צו אן אנדערע WIC לאקאלע אגענטור.*
- *ווערן שריפטליך אינפארמירט ווען און פארוואס מיין WIC פראגראם בענעפיטן וועלן זיך ענדיגן.*
- *בעטן פאר א יושר׳דיגע הירינג אויב איך בין נישט איינשטימיג מיט באשלוסן איבער מיין בארעכטיגונג.*

די אינפארמאציע וואס איך האב געגעבן צו זען אויב איך בין בארעכטיגט פאר די WIC פראגאם איז ריכטיג, לויט מיין בעסטע וויסנשאפט. איך פארשטיי אז:

- *די ניו יארק סטעיט WIC פראגראם קען אויטאריזירן צו מיטטיילן מיין WIC אינפארמאציע מיט ספעציפישע געזונט און עדיוקעישאן פראגראמען ווי Medicaid, די סופלעמענטל נערונג הילפס פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP), צייטווייליגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס (Temporary Assistance to Needy Families, TANF) און די טשיילד קעיר הילף פראגראם (Child Care Assistance Program). אזעלכע אינפארמאציע וועט ווערן גענוצט דורך די סטעיט און לאקאלע WIC אגענטורן און פובליק ארגאניזאציעס בלויז אין די אדמיניסטראציע פון זייערע פראגראמען וועלכע סערווירן מענטשן וועלכע זענען בארעכטיגט פאר די WIC פראגראם. די פראגראמען קענען נוצן די אינפארמאציע פאר די פאלגנדע סיבות: צו באשטימען מיין בארעכטיגונג פאר זייערע פראגראמען; מיר צו צושטעלן אינפארמאציע איבער די דאזיגע פראגראמען און מאכן די אפליקאציע פראצעדור גרינגער; צו פארבעסערן מיין געזונט, עדיוקעישאן, אדער וואוילזיין אויב איך בין שוין איינגעשריבן אין זייערע פראגראמען; און צו זיכער מאכן אז מיינע העלט-קעיר געברויכן זענען נאכגעקומען געווארן.*
- *WIC פראגראם איינגעשטעלטע קענען איבערקוקן די אינפארמאציע וואס איך האט זיי געגעבן צו באשטעטיגן אז עס איז ריכטיג. זיי קענען זיך מעגליך פארבינדן מיט מיינע ארבעטסגעבער אדער אנדערע קוועלער פון מיין איינקונפט. זיי קענען מעגליך באקומען מיינע שטייער רעקארדס פאר די ניו יארק סטעיט שטייערן און פינאנץ דעפארטמענט (Department of Taxation and Finance). ווען זיי באשליסן אויב איך קען אנטייל נעמען אין WIC, וועלן זיי נישט בעטן פאר אינפארמאציע פאר מער פון 12 מאנאטן איידער איר האט זיך איינגעגעבן. אויב זיי זוכן צו זען אויב סיי וועלע WIC רעגולאציעס זענען געבראכן געווארן, קענען זיי בעטן פערזענליכע אינפארמאציע פון יעדע צייט לענגאויס די צייט וואס איך האב באקומען מיינע בענעפיטן.*
- *איך מוז מעלדן פאר מיין WIC לאקאלע אגענטור אויב איך פלאן צו מופן, מיין טעלעפאן נומער וועט זיך טוישן, די איינקונפט ענדערונגען פאר סיי ווער פון מיין פאמיליע, אדער אויב איך וויל טוישן צו אן אנדערע WIC לאקאלע אגענטור.*
- *אויב איך זאג נישט דעם אמת אדער איך באהאלט בייזוויליג אינפארמאציע צו באקומען WIC בענעפיטן, וועל איך דארפן צוריקצאלן די סטעיט פאר די בענעפיט וואס איך בין נישט געווען בארעכטיגט. איך קען גענומען ווערן אין געריכט דורך ניו יארק סטעיט אדער פעדעראלע באאמטע.*
- *איך מעג זיך בלויז איינשרייבן אין איין WIC פראגראם. איך באשטעטיג אז איך בין יעצט נישט איינגעשריבן אין נאך א WIC פראגראם.*
- *WIC עסנווארג זענען בלויז פאר איינגעשריבענע פאמיליע מיטגלידער. איך קען נישט פארקויפן, פארשלאגן צו פארקויפן, אדער אוועקגעבן WIC בענעפיטן אויף סיי וועלכע וועג.*
- *אויב מיין עסנווארג פעקל דארף ווערן געטוישט אדער אפגעשטעלט פאר א קורצע צייט, וועל איך רופן מיין WIC לאקאלע אגענטור.*
- *עס איז מיין פאראנטווארטליכקייט צו באהאנדלען WIC איינגעשטעלטע און געשעפט ארבעטער מיט איידלקייט און רעספעקט. איך פארשטיי אז איך קען ווערן סוספענדירט אדער אפגעווארפן פון די WIC פראגראם אויב איך סטראשע אדער פיר אדורך פיזישע אביוז קעגן WIC איינגעשטעלטע אדער געשעפט ארבעטער.*

איך ווייס אז די WIC לאקאלע אגענטור וועט מאכן העלט סערוויסעס און נערונג עדיוקעישאן אוועילעבל צו מיר און איך ווער געמוטיגט צו אנטיילנעמען אין די סערוויסעס.

איך ווייס אז די רעגולאציעס פאר בארעכטיגונג און אנטיילנעמונג אין די WIC פראגראם זענען די זעלבע פאר אלעמען, אפגעזען פון ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, עלטער, באגרעניצונג, אדער דזשענדער.

← *פארגעזעצט*

NEW YORK STATE | Department of Health

**פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג**

אויב אייער אפליקאציע פאר בענעפיטן איז אפגעזאגט געווארן אדער אייער בענעפיטן האבן זיך אויפגעהערט, האט איר א רעכט צו א יושר'דיגע הירינג. א יושר'דיגע הירינג איז א געלעגנהייט פאר אייך צו זאגן פאר א ריכטער פארוואס איר האלט אז די באשלוס איז נישט ריכטיג. איר מוזט פארלאנגען די הירינג ביז 60 טעג פון ווען אייער אפליקאציע איז אפגעזאגט געווארן אדער פון ווען מען האט אייך געזאגט אז אייער בענעפיטן וועלן זיך אויפהערן. אויב איר בעט נישט ביז 60 טעג, וועט איר פארלירן די געלעגנהייט פאר א יושר'דיגע הירינג.

א סערטיפיקאציע צייט איז די צייט ווי לאנג איר וואלט געדארפט באקומען WIC בענעפיטן. אויב אייערע בענעפיטן האבן זיך אויפגעהערט אינמיטן די סערטיפיקאציע צייט און איר בעט א הירינג ביז 15 טעג, וועלן אייער WIC בענעפיטן ווייטער אנגיין ביז די הירינג אויסגאנג איז באקאנט אדער ביז די ענדע פון די סערטיפיקאציע צייט, וועלכע עס איז פריער. בעט א הירינג ביי די WIC לאקאלע אגענטור (איינגעשטעלטע וועלן אייך העלפן) אדער פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סטעיט WIC פראגראם:

פאסט: WIC Program Director
NYSDOH, Riverview Center
150 Broadway, 6th Floor
Albany, NY 12204

טעלעפאן: (518) 402-7093;
פאקס: (518) 402-7348; אדער
אימעיל: NYSWIC@HEALTH.NY.GOV

**דאס איז די דערקלערונג באשטעטיגונג אז אך האב אונטערגעשריבן אין די קאמפיוטער סיסטעם איידער איך האב באקומען מיין WIC בענעפיטן:**

מען האט מיר געזאגט מיינע רעכטן און פליכטן אונטער די WIC פראגראם. איך באשטעטיג אז די אינפארמאציע וואס איך האב געגעבן צו באשטימען מיין בארעכטיגונג איז פולקאם און ריכטיג לויט מיין בעסטע וויסנשאפט. די אינפארמאציע ווערט געגעבן כדי צו באקומען WIC בענעפיטן און איך פארשטיי אז סטעיט אדער לאקאלע WIC אגענטור באאמטע קענען איבערקוקן די אינפארמאציע אויב עס פעלט אויס דורך זיך פארבינדן מיט ארבעטסגעבער אדער אנדערע קוועלער פאר מיין איינקונפט, און/אדער דורך באקומען מיין שטייער רעקארדס פון די ניו יארק סטעיט שטייערן און פינאנץ דעפארטמענט. איך ערלויב ספעציפיש אז די ניו יארק סטעיט שטייערן און פינאנץ דעפארטמענט זאל ארויסגעבן מיין שטייער רעקארדס פאר דעם ציל, וואס קען פארמאגן געוויסע ארבעט אינפארמאציע געגעבן צום ניו יארק סטעיט שטייערן און פינאנץ דעפארטמענט דורך ארבעטסגעבער אין איינקלאנג מיט נייע אויפנעמונג און געהאלט באריכטונג אינפארמאציע (New Hire and Wage Reporting). איך פארשטיי אויך אז ביייזוויליג געבן נישט ריכטיגע אינפארמאציע קען פירן צו ציווילע אדער קרימינאלע שטראפן אונטער סטעיט אדער פעדעראלע געזעץ. ביייזוויליגע געבן נישט ריכטיגע אינפארמאציע נעמט אריין, אבער איז נישט באגרעניצט צו, ביייזוויליג פעלשן, באהאלטן אדער אויסלאזן הויזגעזונד איינקונפט, גרויסקייט פונעם הויזגעזונד, מעדיצינישע אינפארמאציע, Medicaid סטאטוס און וואוינונגס ארט. איך פארשטיי אויך אז מאכן א פאלשע אדער קרומע דערקלערונג אדער נישט געבן גוטע אינפארמאציע, באהאלטן אדער אויסלאזן פאקטן קען ברענגען צו ווערן אפגעווארפן און קען מעגליך פאדערן צו צוריקצאלן יעדע דאלער פון די WIC בענעפיטן וואס איך האב באקומען נישט ריכטיג אפגעזען פון אויב איך האב אינזין געהאט צו באקומען בענעפיטן נישט ריכטיג. צום לעצט, פארשטיי איך אז איך מעג זיך בלויז איינשרייבן אין איין WIC פראגראם. איך באשטעטיג דא אז איך בין יעצט נישט איינגעשריבן אין נאך א WIC פראגראם. איך בעט שוין היינט צו באקומען בענעפיטן.

לויטן פעדעראַל ציוויל רעכטן געזעץ און די U.S. דעפּאַרטמענט פון אַגריקולטור (USDA) ציוויל רעכטן רעגולאַציעס און פּאַליסיס, איז די אינסטיטוציע פּאַרבאָטן פון דיסקרימינירן אויפן גרונט פון ראַסע, קאָליר, אפשטאַם, סעקס (אריינעמיג דזשענדער אידענטיטעט און סעקסועלע אריענטאַציע), דיסאַביליטי, עלטער, אדער זיך אפרעכענען אדער נעמען נקמה פאַר פריערדיגע ציוויל רעכטן אַקטיוויטעט.

פראגראַם אינפאָרמאַציע איז מעגליך צו באַקומען אין אַנדערע שפּראַכן אויסער ענגליש. מ מענטשן מיט דיסאַביליטיס וואס נויטיגן זיך אין אַנדערע מיטלען פון קאָמוניקאַציע צו באַקומען פראגראַם אינפאָרמאַציע (צ.ב.ש. ברייל, גרויסע בוכשטאבן, אוידיאטעיפ, אַמעריקאַנער צייכן-שפּראַך), זאלן זיך פּאַרבינדן מיטן פּאַראַנטוואָרטליכן סטעיט אדער לאָקאַלע אַגענטור וואס פירט אן דעם פראגראַם אדער USDA'ס TARGET צענטער אויף 720-2600 (202) (שטימע און TTY) אדער פּאַרבינדט זיך מיט USDA דורך די פעדעראַל ריליי סערוויס אויף 877-8339 (800).

צו אַ רייגעבן אַ פראגראַ ם דיסקרימינירונג אנקלאַ גע, זאל אַ קלעגער אויספולן אַ פארעם AD-3027, USDA פראגראַ ם דיסקרימינירונג אנקלאַ גע פארעם וועלכע מען קען באַ קומען אנליין, אויף **https://www.fns.usda.gov/sites/default/files/resource-files/ad3027-yiddish.pdf**, פון יעדע USDA אפיס, דורכן רופן 632-9992 (866), אדער דורכן שרייבן אַ בריוו אַ דרעסירט USDA. דער בריוו מוז ענטהאַ לטן דעם קלעגער'ס נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומער, דער בריוו מוז ענטהאַ לטן דעם קלעגער'ס נאמען, אַ דרעס, טעלעפאן נומער, און אַ שריפטליכן שילדערונג פון דעם באַ שולדיגטן דיסקרימינירונג אַ קט מיט גענוג איינצלהייטן צו לאזן וויסן די געהילף סעקרעטארן פאַ ר ציוויל רעכטן (ASCR) דאס כאַ ראַ קטער און דאַ טום פון אַ באַ שולדיגונג אויף אַ ציוויל רעכטן שענדונג. די אויסגעפולטע AD-3027 פארעם אדער בריוו מוז אַ רייגעבן ווערן USDA דורך:

(1) פאסט: U.S. Department of Agriculture
Office of the Assistant Secretary for Civil Rights
1400 Independence Avenue, SW
Washington, D.C. 20250-9410; אדער

(2) פאקס: 256-1665 (833) אדער 690-7442 (202); אדער

(3) אימעיל: program.intake@usda.gov

די אינסטיטוציע איז אַן אייניגע געלעגנהייט פראוויידער.

פאר אנדערע קלאגעס אדער צו פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג פארבינדט זיך מיט:

(1) פאסט: WIC Program Director
NYSDOH, Riverview Center
150 Broadway, 6th Floor
Albany, NY 12204;

(2) טעלעפאַן: (518) 402-7093; פאקס (518) 402-7348; אדער

(3) אימעיל: NYSWIC@HEALTH.NY.GOV